# עולת שבת בשבתו

## ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת | פרשת וירא | כיתה ד' תשע"ב לפ"ק


## דורש טוב

**מהרו שלש סאים קמח:** די גמרא זאגט אין מס' **בבא מציעא** (דף פ"ז ע"א) **הוא אמר קמח והיא אמרה סולת**, אברהם האט געזאגט קמח און שרה האט געזאגט סלת, **מכאן שאשה עיניה צרה באורחים**, פון דא זע איך אז א פרוי איז קארג צו געבן פאר די געסט. פרעגן אלע די קשיא, אז פון די גמרא איז דאך משמע פונקט פארקערט, אברהם האט דאך געבעטן פשוט'ע מעל, און שרה האט געהייסן געבן די גוטע סולת מעל?

ענטפערט **דער רבי בעל דברי יואל זי"ע** די משנה זאגט אין מס' אבות **אמור מעט ועשה הרבה**, אז א מענטש דארף זאגן ווייניג, אבער טון פול מער פון וויפיל ער זאגט.

אזוי טרעפן מיר בפירוש אין די גמרא אז אברהם אבינו האט זיך אזוי געפירט, ווייל ער האט געזאגט פאר די מלאכים **ואקחה פת לחם**, אז ער וועט זיי געבן א שטיקל ברויט, און דערוויל האט ער זיי צוגעגרייט א גאנצע סעודה מיט פלייש. און די גמרא פירט אויס **אמר רבי אלעזר מכאן שצדיקים אומרים מעט ועושים הרבה.**

דאס איז אבער נאר געזאגט געווארן ביי א מענטש וואס בטבעו איז ער א נדיב לב, כאטש ער זאגט ווייניג, ווייס איך אז ער וועט טון מער ווי ער זאגט, ווייל דאס איז זיין נאטור, משא"כ ביי א מענטש וואס איז נישט זיין נאטור צו זיין א נדיב לב, ממילא אויב זאגט ער ווייניג האב איך מורא אז ער וועט

## ידיעות פון די וואך

די וואך אין די סדרה לערנען מיר איבער די מצוה פון **הכנסת אורחים, מידת החסד וואס אברהם אבינו** האט מקיים געווען מיט מסירות נפש. וועלן מיר לערנען עטליכע ענינים וואס מיר לערנען ארויס פון די מידת החסד פון אברהם אבינו.

א. די גמרא אין מס' שבת (דף קכ"ז ע"ב) זאגט **גדולה הכנסת אורחים יותר מקבלת פני השכינה**, די מצוה פון הכנסת אורחים איז גרעסער ווי מקבל פנים זיין דעם אייבערשטן, ווי מיר זעהן אז אברהם אבינו האט געבעטן דעם רבש"ע אז ער זאלווארטן ביז ווען ער ברענגט אריין די געסט.

**ב. רש"י** זאגט אז די מצוה פון הכנסת אורחים האט דריי חלקים, צו געבן עסן פארן גאסט, צו געבן טרינקען, און נאכדעם איהם ארויסבאגלייטן פון שטוב, מ'לערנט דאס ארויס פון אברהם אבינו, ווי דער פסוק זאגט **ויטע אשל בבאר שבע, אש"ל** איז ראשי תיבות, **אכילה שתיה לויה.**

ג. אברהם אבינו ווערט אנגערופן חסד, ווי דער פסוק זאגט **חסד לאברהם**, ווייל דורך זיין חסד האט ער פארשפרייט די אמונה אינעם אייבערשטן אויף די גאנצע וועלט.

דער **מדרש** (ב"ר מ"ט ז') דערציילט אז אברהם האט

געהאט פיר טירן אין זיין געצעלט אז יעדער דורכגייער זאל קענען אריינקומען אין זיין געצעלט, און ווער עס איז נאר אריינגעקומען האט באקומען פון שענסטן און בעסטן, אנדעם וואס אברהם אבינו זאל פארלאנגען אז מ'זאל באצאלן.

ווען דער גאסט האט געפרעגט וויפיל ער דארף באצאלן, האט אברהם געזאגט "זאג ברוך שאכלנו משלו", און ער האט מסביר געווען פארן גאסט אז אלעס וואס איז דא אויף די וועלט איז א מתנה פונעם אייבערשטן וואס האט באשאפן די גאנצע וועלט, און אלעס וואס איז דא אויף די וועלט איז זיינס.

ד. די **ספרי מוסר** זענען מדייק אין די פרשה ווי אזוי אברהם אבינו האט מקיים געווען די מצוה, וואס מ'דארף דערפון ארויסלערנען נישט נאר אז מ'דארף טון חסד, נאר אויך 'ווי אזוי' מ'דארף טון חסד.

ווי למשל, 1) שטיין אוןווארטן אז עס זאל קומען א גאסט, 2) זיך מטריח זיין אפילו ער האט נישט גוט געפילט און עס איז אנגעקומען מיט יסורים. 3) רעדן צום גאסט איידל אז ער זאל האבן דעם געפיל אז ער טוט גאר א טובה אז ער קומט אריין צו איהם אין שטוב, 4) זעצן אויף א באקוועמע פלאץ אונטער א שאטן, 5) לויפן שנעל אנגרייטן די סעודה אז זיי זאלן נישט זיין הונגעריג קיין לאנגע צייט, 6) באהאלטן זיינע יסורים אז די געסט זאלן נישט טראכטן אז זיי זענען אים מטריח. 7) מצות לויה, אז ער האט באגלייט זיינע געסט נאך די סעודה.

טאקע נאר געבן ווייניג, ווייל אלס זיין נאטור האט ער דאך נישט ליב צו געבן אסאך, ביי אזא מענטש איז יא בעסער אז ער זאל זאגן אסאך, ווייל דאס וועט אים מחייב זיין אז ער זאל מקיים זיין דאס וואס ער האט זיך אונטערגענומען.

אברהם און שרה האבן ביידע געזוכט מקיים צו זיין די מצוה פון הכנסת אורחים אויפן בעסטן וועג וואס איז שייך, און זיי האבן געזוכט צו געבן פאר די געסט די בעסטע מאכלים. למעשה זעהן מיר אז די תורה שרייבט ביי אברהם אבינו **קמח**, מיינט דאס אז ער האט געוואלט טון וואס עס שטייט אין די משנה אמר מעט ועשה הרבה, האט ער געזאגט **קמח**, אבער למעשה האט ער געוואלט געבן **סולת**, שרה אמנו אבער מיט איר גרויס עניוות האט זי זיך געהאלטן אז זי איז ווי געווענליכע פרויען וואס זענען קארג, ממילא מוז זי זאגן **סולת**, וואס דאס זאל איר צווינגען צו געבן **סולת**, פון דעם לערנען מיר ארויס אז סתם פרויען זענען טאקע קארג, ווייל ווען נישט וואלט זיך שרה נישט געדארפט אזוי שטארק זארגן און ארויסזאגן **סולת**.

# מוסר הפרשׁה

## יקח נא מעט מים ורחצו רגליכם:

דער הייליגער **מעזריטשער מגיד זי"ע** טייטשט דעם פסוק לויט דעם וואס **די** גמרא זאגט (בבא קמא דף י"ז ע"א) **אין מים אלא תורה**, זאגט אונז דער פסוק **יקח נא מעט מים**, וואס דאס איז תורה, און דורכדעם וואס מ'לערנט תורה, **ורחצו רגליכם** ווערט אפגעוואשן די **רגילו"ת**, די שלעכטע געוואוינהייטן וואס א מענטש איז געוואוינט צו טון, ווייל די תורה הק' האט א כח משפיע צו זיין אויף א מענטש אז ער זאל תשובה טון.

*

**וישם אותו על המזבח ממעל לעצים: הרה"ק רבי שלום מבעלזא זי"ע** טייטשט דעם פסוק בדרך מוסר: אז איינע פון די וועגן פונעם יצר הרע ווען ער וויל מאכן א מענטש זינדיגן קומט ער אים צורעדן אז ער זאל זיך נישט מאכן קיין גרויסע דאגות פון די עבירה, נאר 'מ'קען זיך אן עצה געבן' דערמיט. אבער ווען אברהם אבינו האט געברענגט יצחק פאר די עקידה האט ער געלערנט מיט אים א דרך אין עבודת השם אז א איד דארף זיין '**ממעל לעצי"ם**', דאס הייסט אז מ'דארף זיין העכער פון אלע עצות, ווען עס קומט צו טוהן דעם רצון ה' דארף מען דאס טון בשלימות, און 'מקען זיך נישט קיין עצה געבן'.

# מעשה רב

מיט בערך 40 יאר צוריק ווען דער רבי בעל דברי יואל זי״ע האט אריינגעלייגט שווערע כוחות צו קענען אהערשטעלן אן אייגענעם שטעטל, וואו ער זאל זיך קענען ארויסציעהן מיט זיינע חסידים און תלמידים, און דארט וועט יעדער קענען וואוינען רוהיג אין א לויטערע ריינע אטמאספערע ריין פון אלע נישט ערליכע השקפות, איז דאס אבער צוגעגאנגען מיט אסאך שוועריגקייטן וועלכע האבן צונישט געמאכט אלע פלענער.

דאן איז א געוויסער חשוב׳ער רב אריבערגעקומען צום רבי׳ן מיט א פארשלאג, אז הנה העיר ״באראַ פארק״ לפנינו הארץ רחב ידיים הוא, עס איז דארט דא דירות מיט א גרויסע און ברייטע הרחבה, גענוג פאר אלע חסידיי׳שע אידן פון איבער גאנץ ניו יארק, ווען עס וואלט געקענט זיין א מציאות צוזאמענצונעמען אלע ערליכע רבנים פון איבער גאנץ ניו יארק און אלע זאלן קומען וואוינען קיין באראַ פארק, וואלט דאס זיכער גאר שטארק משפיע געווען אויף די גאנצע שטאט, און אלע רבי״ס וועלן קענען דארט פירן זייערע עדה׳ס מיט מנוחה ושלוה נישט זייענדיג באדראעט פון קיינעם.

דער רבי וועלכער האט זיך נישט געהאלטן ביים ווידער באזעצן אין א גרויסע רוישיגע שטאט, און ער האט זיך נאר געוואלט זעהן אויסער די שטאט אין א אייגן שטעטל, האט כדרכו בקודש אפגעענטפערט יענעם רב מיט א ווערטל.

דער רבי האט פאר יענעם נאכגעזאגט א ווערטל פון הרה״ק ר׳ ברוכ׳ל גארליצער זי״ע וועלכער האט געפרעגט, אויב השי״ת האט געוואלט חרוב מאכן סדום, פארוואס האט ער מסכים געווען צו אברהם אבינו׳ס בקשה אז אויב ער טרעפט 50 צדיקים אין סדום וועט ער דאס נישט חרוב מאכן?

נאר וואס דען – האט דער גארליצער רב געזאגט בדרך הלצה – ווייל אויב איז דא 50 צדיקים (רבי״ס) אין איין שטאט דארף מען שוין די שטאט נישט חרוב מאכן, זי וועט שוין חרוב ווערן פון זיך אליין״...

יענער רב האט געזעהן דערפון אז דעם רבי׳ן איז נישט געוען דעם פלאן צו וואוינען אין א גרויסע שטאט. דער רבי האט טאקע צוגעוואוירט נאך עטליכע יאר, ביז ווען ער האט אויפגעשטעלט אונזער הייליגן שטעטל קרית יואל, וואס פירט זיך אינגאנצן נאר לויט זיינע הדרכות ביז משיח׳ס טאג.

עס איז אמאל אויסגעקומען נאך אינדערהיים אז דער רבי בעל דברי יואל זי״ע איז געפארן אונטערוועגנס מיט זיין גבאי הרה״ח ר׳ לייזער ראזמאן ז״ל וועלכער איז נאך געווען משב״ק ביי הרה״ק רבי מרדכי׳לע מנאדבורנא זי״ע. (דער רבי פלעגט איבערזאגן פארשידענע ווערטער פון רבי מרדכי׳לע זי״ע, וואס ער האט געהערט פון רבי לייזער ע״ה).

אונטערוועגענס האט זיך געמאכט א שווערער וועג, און מ׳האט זיך אויפגעהאלטן אויף די וועג א לענגערע צייט צוליב פראבלעמען, ווארטנדיג אזוי לאנג אויפן וועג האט זיך רבי לייזער אנגערופן צום רבי׳ן מיט א ווערטל: ״דער רבי קען נישט מאכן קיין מופת אז מיר זאלן אנקומען מיט קפיצת הדרך צו אונזער ציהל?״.

האט זיך דער רבי אנגערופן צו אים מיט א שמייכל: ״מיר געפונען ביי די עקידה אז ווען אברהם אבינו איז געגאנגען מיט יצחק צו די עקידה שטייט ׳וירא את המקום מרחוק, אז ער האט געזעהן דאס פלאץ פונדערווייטנס, גלייך נאכדעם שטייט ויאמר אברהם אל נעריו שבו לכם פה עם החמור, ואני והנער נלכה עד כה, דארף מען דאך פארשטיין, אויב איז דאס פלאץ געווען אזוי ווייט פארוואס האט אברהם געזאגט אז ער גייט נאר ״עד כה״ ביז א נאנטע פלאץ?

נאר עס זעהט אויס, אז אברהם אבינו האט געוואלט מאכן קפיצת הדרך, אבער ווילאנג ׳אליעזר׳ (ער האט דאך געהייסן ר׳ אליעזר) איז נאך דארט געווען מיט אים האט ער נישט געקענט מאכן קיין קפיצת הדרך, האט ער געזאגט פאר ׳אליעזר׳ שבו לכם פה, בלייב דא ווארטן, דעמאלטס איז דאס שוין עד כה זייער נאנט, ווייל מיר וועלן גיין מיט קפיצת הדרך...

# הילולא דצדיקיא

### קומענדיגן שבת קודש ט"ו חשון איז די יארצייט פון

## הגאון האדיר רבי אברהם ישעי' קארעליץ זצ"ל בעמח"ס "חזון איש"

דער חזון איש איז געווען פון די גרעסטע גדולים אין פריערדיגן דור. ער האט מחבר געווען וואונדערליכע ספרים, און ער האט געלערנט תורה מיט מסירות נפש ממש.

אויך איז דער חזון איש געווען זייער שארף קעגן די ציונים, און ווען די ציונים ימ"ש האן איינגעשפארט הרה"צ רבי עמרם בלוי זצ"ל אין תפיסה ווייל ער האט לוחם געווען קעגן חילול שב"ק, איז ער געפארן קיין ירושלים עיה"ק אים באזוכן אין תפיסה, זאגענדיג "דער שבת קודש זיצט אין תפיסה...". עס איז ידוע אז כל זמן דער ציוני'סטישער רב הרש"ע א.י. קוק האט געלעבט האט ער נישט געוואלט גיין קיין ירושלים, ווייל ער האט זיך נישט געוואלט באגעגענען מיט איהם.

ווען רבינו הק' בעל דברי יואל זי"ע איז געווען אין ארץ ישראל בשנת תשי"ב לפ"ק, איז ער געפארן באזוכן דעם חזון איש. דער חזון איש האט זיך דעמאלטס זייער שארף אויסגעדרוקט קעגן די מוסדות וואס לאזן זיך פארפירן פון די ציונים, און זיי נעמען זייערע טמא'נע געלטער. ווען דער רבי זי"ע האט אים געפרעגט "עס זענען דאך דא ערליכע רבנים וואס נעמען זייער געלט?", האט דער חזון איש געענטפערט "נישט יעדער וואס דאווענט מנחה מעריב איז א ערליכער איד". און ער האט שטארק מחזק געווען דעם רבי'ן זי"ע אז ער זאל אויפשטעלן א מוסד על טהרת הקודש וואס לערנט אויף אידיש אין בני ברק.

לאחר פטירתו איז אויפגעשטעלט געווארן א ריזיגע ערליכע תלמוד תורה אין בני ברק אויף זיין נאמען "תשב"ר חזון איש" וואס נעמט נישט קיין שום שטיצע פון די ציוני'סטישע ממשלה.

אין ספר "זקניך ויאמרו לך" (ח"ב) ווערט געברענגט אז ווען הגה"צ ר' קלונימוס אליעזר עקשטיין זצ"ל אב"ד בונאס איירעס (יארצייט דינסטאג פר' וירא) איז פאר דעם געווען רב אין א דערפל אין ארץ ישראל מיטן נאמען 'יעזור'. אלע זיינע שאלות און יעדן ענין בעניני הדת וואס עס האט זיך אים געמאכט אין יענעם דארף פלעגט ער פרעגן דעם חזון איש זצ"ל.

צווישן די שאלות וואס ער האט געפרעגט דעם חזון איש איז געווען ווען עס האט זיך דערנענטערט ה' אייר תש"ט, דער ערשטער יארטאג פון ווען די ציונים ימ"ש האבן פראקלאמירט זייער ציוני'סטישע מדינה של גהנם, און זיי האבן ערקלערט זייער געמיינע האגע דאס צו פראווען מיטן זאגן הלל. דארט אין יעזור זענען געווען א צאל אידן וואס זענען געווען פארדרייט נאך די ציוני'סטישע פראפעגאנדע, און זיי האבן ארגעניזירט א מנין צו דאווענען דעם טאג מיטן יו"ט'דיגן נוסח און זאגן הלל ר"ל.

דער בונאס איירעסער רב איז געווען מסופק, און ער האט נישט געוואוסט וואס ער דארף צו טון, און ווי אזוי ער זאל רעאגירן. צי איז ער מחויב לוחם צו זיין דערקעגן דאס צו שטערן, אדער אפשר מיט דעם וואס ער גייט נישט און ער אליין האט נישט קיין חלק דערין איז ער יוצא ידי חובתו, מילא קלערט אפשר צו פארן אין דעם טאג קיין ירושלים. ווען ער איז אריינגעקומען צום חזון איש, האט ער זיך אויסגעדרוקט "איך ווייס נישט וואס צו טון מיט דעם יום טוב".

האט זיך דער חזון איש אנגערופן און געזאגט "יום טוב? מ'דארף נוהג זיין אבילות, פריקה ומרידה במלכות שמים, ווי קען מען זאגן אזא זאך".

דער חזון איש האט אים געזאגט "זיך באהאלטן אדער אנטליפן איז נישט קיין עצה, זאגן די דרשה (כמנהגם), חס ושלום! מ'האט ווען געדארפט האלטן אבילות, זיי זענען מורד במלכות שמים".

דער חזו"א האט גע'פסק'עט אז ער איז נישט יוצא מיט דעם וואס ער גייט אוועק, נאר ער זאל בלייבן אין בית המדרש, און אז דער חזן וועט צו גיין צו הלל איז ער מחויב אים אוועק צו שיקן און נישט לאזן זאגן הלל.

ווען ער איז אהיימגעקומען האט ער געזאגט א דרשה ארויסברענגנדיג וויפיל צרות דאס ציונית האט שוין געברענגט אויף אידן, ער האט געזאגט די דרשה מיט בכיות עס איז געווארן א גרויס התעוררות אין ביהמ"ד.

ביז ווען איין חצוף האט זיך אויפגעשטעלט און אנגעהויבן צו שרייען "וואס איז היינט תשעה באב אדער יום העצמאות?! היינט ווייכט מען אדער מ'פריידט זיך?!". עס איז געווארן א איבערקערעניש אין ביהמ"ד ווען טייל עולם האט זיך אנגענומען פארן רב, און טייל עולם פאר די ציונים. און דער רב האט באלד אפגעטראגן פון ארט שפירנדיג אז ער האט יוצא געווען חובת מחאה.

**זכותו יגן עלינו**